בעזרת השם יתברך

ווער העירוב

190 - 2 עמודים

# עובדא מהרב הקדוש הדברי חיים מצאנז זצ״ל

# <u>שהבטיח זש״ק למי שיתקן עירובין בעירו, וכן אחרים ששמעו הסיפור ועשה ככה וננושעו גם כן, ונדפס לפני כשבעים שנה</u>

ספר

# אמונת ישראל

אין דיזען ספר ווערד ערציילט די וואונדערליכע זאכען וואס עס האט זיך פאסיערט ביי דיזע גאונים און צדיקים זי"ע:

א) ביי דעם גאון והקדוש רבינו ר' מאיר מפרימישלאן זי"ע:

ב) ביי דעם גאון הקדוש רבינו ר' חיים מצאנז זי"ע:

ג) ביי דעם גאון וקדוש רבינו ר' ברוך אבד"ק רודניק זצ"ל:

מיר האבען דאס ספר איבער גיזעצט אויף שפראכן כדי יעדער מענטש זאל וויסען דאס גרויסקייט פון דיזע צדיקים:

---

לובלין

שנת תרפ"ו לפ"ק

משמש געפרעגט ר' חיים מצאנז וואס ער איז נאך געוועזן זייער יונג צו ער איז איין רב אין וועלכער שטאדט, האט רבי ר' חיים מצאנז געפרעגט דעם משמש וואס איז איהם פאר א נפקא מינה וואס ער איז צו איין רב צו ניט, האט דער משמש געענטפערט אז דער רבי ר' מאיר'ל האט איהם שוין געשיקט דאס צווייטע מאהל געוואהר צו ווערין צו עס איז ניט געקומען קיין רב. און אויך האט דער משמש דער ציילט ווי וויים דער רבי קוקט אויס איין רב נאהר ער ווייסט ניט וועלכען רב. האט דער רבי ר' חיים מצאנז זיך אהן גערופען צום משמש אז איהם מיינט מען און ער איז דער רב. און תיכף איז רבי חיים מצאנז געגאנגען צום רבי'ן ר' מאיר'ל מפרימישלאן און האט איהם מקבל געוועזן מיט גרויס שמחה. און זיי זענען אווי צו זאמין געוועזן עטליכע שעה:

נאך דעם ווי דער רבי ר' חיים מצאנז האט שוין געוואלט אוועק גיין פון רבי'ן ר' מאיר'ל מפרימישלאן. האט זיך ר' מאיר'ל אהן גערופין צו רבי'ן ר' חיים. איהר זענט דאך פון בית דין הגדול, איבער דעם זאגט מיר צו ר' מאיר'ל ברויכט צו וואהנען אין אזעלכע קליינע דירות צו איז דען ניט גלייכער אז ר' מאיר'ל זאל וואהנען אין גרעסערע דירות און אין לעכטיגערע דירות ווי ער וואהנט:

דער רבי ר' חיים מצאנז האט ניט פערשטאנען וואס דער רבי ר' מאיר'ל מיינט דער מיט. האט דער רבי ר' חיים מצאנז גיענטפערט אז אויך געווים וואלט גלייכער געוועזן אז איהר זאלט וואהנען אין שענערע דירות. האט דער רבי ר' מאיר'ל זיך אהן גערופין אז איהר זאגט אויף אזוי וועל איך אויך געווים אזוי טוהן איך האב נאהר געוואלט אייערע הסכמה אין יעצט אז איהר זאגט מסכים וועל איך אזוי טוהן. און דער ווייל האט זיך דער רבי חיים מצאנז איבער גירעכינט וואס דער רבי ר' מאיר'ל מיינט דער מיט האט זיך רבי חיים מצאנז אהן גערופין אין געזאגט צום רבי'ן ר' מאיר'ל אז איך מיין נאהר אויף דיעזע וועלט גלייך געוועזן אז איהר זאלט האבין שענערע דירות. האט ר' מאיר'ל געזאגט עס איז יעצט שוין פערפאלין אין אויך האב שוין ביי מיר אזוי אפ געפסקינט, איך האב נאהר געוואלט אייערס הסכמה. אין איהר האט מיר גיגעבין אייער הסכמה, און אין זעכער וואכין ארום איז דער רבי ר' מאיר'ל מפרימישלאן נפטר געווארען זיע ועל כל ישראל:



## א גוטע עצה פון הגאון הקדוש ר' חיים מצאנז זצ"ל.

איינמאהל ווען דער רבי האט אהנגעהויבן בעשטעטט צו ווערין אויף דער וועלט איז צו איהם געקומען א חסיד און האט פאר איהם זייער געוויינט צון געזאגט אזוי ווי איך וואהן שוין מיט מיין ווייב 23 יאהר און מיר האבען ניט קיין קינדער איבער דעם וואלט ער געבעטען דעם רבי'ן אז ער זאל פאר איהם מתפלל זיין ער זאל האבען קינדער צום לעבען. האט דער רבי געזאגט צו דעם חסיד איך וועל דיר געבען א עצה און איך פער האף אז די וועסט מיך הורכען וועסטו האבען קינדער צום לעבען. אזוי ווי איך ווייס אז ביי אייך אין דער היים איז ניט דא קיין עירובין. און דאך דעם וואס עס איז ניט דא קיין עירובין איז דא גרויסע חלול שבת. איבער דעם וואלט געוועזן מיין עצה אז די זאלסט מאכען עירובין וואס מען מעגען טראגען. און איבער דעם וועט דיין ווייב אויך טראגען. דער חסיד האט אזוי געטהון און איז געהאלפען געווארען מיט קינדער צום לעבען. און אויך פיהל מענטשען וואס האבען געהערט ווי דער רבי האט געגעבען דיזע עצה צו דעם חסיד האבען זיי דעם חסיד אויך מיט געהאלפען צו מאכען די עירובין און זיי זענען אלע געהאלפען געווארען מיט קינדער צו לעבען פון דיעזע עצה זעהן מיר ווי ווייט אונזערע צדיקים זענען קלוג געוועזן און ווי ווייט זיי האבען מדקדק געוועזן אין זייערע רייד אז אפילו זייערע עצה'ס זענען מקוים געווארען זייער זכות זאל אונז בייטטיין אויף אייביג:

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון הגאון ר' חיים מצאנז זצ"ל.

איינמאהל איז געקומען צו דעם רבי'ן הגאון ר' חיים זצ"ל איין אשה און זי האט שטארק געוויינט פאר דעם רבי'ן אזוי ווי איהר מאן איז פון איהר אוועק שוין פיהל יאהרען און זי האט עטליכע קינדער און זי איז זייער ארים און קען ניט מפרנס זיין די קינדער